STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01300

KH'HOB FARFLANTST A BOYM

Eliahu Rajzman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליהו רייזמאַן

כ'האָב פאַרפלאַנצט אַ בוים

אליהו רייזמאן

כ׳האָב פארפלאנצט א בוים

פארלאג „יידיש בוך״ ווארשע 1954

E. RAJZMAN

POSADZIŁEM DRZEWO

Redaktor: B. HELLER
רעדאַקטאָר: ב. העלער

Okładkę projektował: I. REJZMAN
הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 1898. Papier druk. VII kl. 61 x 86 cm. 80 g. Ark. druk. 3,6. Ark. wydawn. 2
Nakład 5.500 egz. Druk ukończono w październiku 1954 r.
Druk. RSW „Prasa", W-wa, Tarczyńska 8. 5-B-54990.

געפונענע טעג

1

הונגעריקע זומערס, ווינטערס הארבע,
ביכער דורכגעבלעטערט און פארמישט —
כ׳האב אייך ביי א פאבריקאנט א גארבער
אין די קאלעך-פעסער אויסגעמישט.

שווערע קינדער־יארן, טאפלט גרויסע,
אנגעלאדן מיט מיין מאמעס זארג;
שיינע טעג מיינע ווי טויבן ווייסע,
ביי די קרעמער האט זי זיי פארבארגט.

נעכט, מיט טרערן אירע אנגעלאפן,
פון דער סטעליע טונקלען איבער מיר.
אפט פון שטוב ארויס בין איך אנטלאפן —
ווייסע ליליעס שווימען אויפן סטיר...

ליליעס ווייסע, און א בלויער הימל
ביז דעם מערב־ראנד פארגייט אין רויט;
טרוים איך — ביז דער טרוים פארגייט אין דרימל,
ווערט די זון אן אויסגעבאקן ברויט...

2

טעג מיט טעג באַהעפטן זיך אין יאָרן,
ווי אַ טאָג, אַזוי אַ יאָר פאַרגייט.
ווידער דאַכט זיך בין איך יונג געוואָרן,
עלטער ווערן ווערט נאָר בלויז די צייט...

ווי זשע קאָן מען יינגער דען נישט ווערן,
ווען די יוגנט ריזלט אינעם בלוט?
ליכטיקער געוואָרן איז האָס לעבן,
און איך גיי דאָך מיט דעם לעבן מיט.

טעג מיינע אין פינצטערניש פאַרגאַנגען —
זיך געשיידט מיר האָבן זיך ווי פיינט,
העלע זענט איר ווידער אויפגעגאַנגען,
נישט פאַרשעלטן וועל איך אייך שוין היינט!

אויפגעליכטיקט האָט איר, ווי די שטערן,
יעדע שעה באַזונדער מיט איר פרייד,
און צעוואָרפן וואָלט איך איצטער גערן
אַלע גרענעץ-צייכנס פון דער צייט.

וויפל האָבן אָפּגעפייערט רויטע זונען
אויף די ראַנדן פון מיין לעבנס-וועג,
ביז איך האָב אייך איצטער ווידער אָפּגעפונען —
שיינע, העלע, אויסגעטרוימטע טעג.

שטשעטשין, 1954

העלע זון

העלע זון פון טיפע בלויען,
קום מיר מיט דיין שיין אַנטקעגן,
ווען באַגינען הייבט אָן גרויען,
בין איך וואַך אויף דיינע וועגן.

אינעם גרעסטן פייער־פלאַקער
טראָג איך דיך אויף מיינע אַקסל,
ווען דו ציסט זיך נאָך מיין אַקער
צו מיין קערפּער צוגעוואַקסן.

און די פאַרבן דיינע ראָזע
אויף דיין שפּין־ראָד אויסגעשפּונען
אַז קיין בייזער אָוונט־שאָטן
אין מיין תּחום זאָל מער נישט קומען.

מיט דיין אָפּגלאַנץ אויף מיין פּנים,
אין דעם העלן ליכט אין דיינעם
רו איך אָפּ מיט דיר צוזאַמען,
גיי איך אויף מיט דיר אינאיינעם.

קאַניע־גורע, 1949

כ'בין פארליבט אין דער וועלט

כ'בין פארליבט אין דער וועלט, אין דעם טייך, אינעם ים,
אין דער זון, וואָס צעברענט זיך אין אייגענעם פלאַם.

אין די שטערן, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין מיין בליק,
אין דעם לעבן, וואָס אָטעמט מיט לויטערן גליק.

כ'בין פארליבט אין דער בלום, וואָס צום וואַקסן זיך רייסט,
אינעם מענטש, וואָס באַזיניקט די צייט מיט זיין גייסט.

כ'בין פארליבט אין דער וועלט ביז אין טיף פון מיין בלוט,
און מיט לייב און מיט לעבן איך שיץ זי און היט.

יוני, 1953

פרילינגדיקע פעלדער

פרילינגדיקע פעלדער
גיי איך ווייץ פארזייען,
גריסט מיך אַ בערעזע,
בייגט זי זיך אין דרייען.

וואַלקנדלעך צעהעלטע
אויף מיין קאָפּ געפאַלן;
זון אין קלאָרן וואַסער
שפּילט מיט אירע שטראַלן.

וועגן ליגן אָפן,
ביימער נאַקעט שטייען,
גיי איך איבער פעלדער
נערשטן צו פאַרזייען.

גיי איך איבער פעלדער
קאָרן צו פאַרזייען,
איך, די זון, מיין שאָטן,
זענען מיר אין דרייען.

קאָניע־גורע, 1948

די זעלבע בויער

ס'לייכט דער טאָג דורך מיינע ברעמען,
כ'וועל אין וועג זיך נישט פאַרלירן,
ווו איך זאָל זיך נישט פאַרנעמען,
וועט דער וועג מיך נישט פאַרפירן.

רעכטס, איך הער אַ האַמער קלינגען,
לינקס, אַ קאָסע טוט אַ שפיגל,
ביידע וועל איך גלייך באַזינגען,
ווי די זאַנג, אַזוי דעם ציגל.

סיי דעם שוויים און סקיב פון אַקער,
אונטער הימלען אָנגעגליטע,
סיי דעם ווייסן פייער-פלאַקער
אין די אויוונס פון דער הוטע.

דאָ און דאָרט די זעלבע בויער,
ביידע גלייך איר זענט מיר טייער —
סיי די הויכע שטאָלצע מויער,
סיי דער פול-געפאַקטער שייער.

דער מענטש בויט זיין היים

דער מענטש בויט זיין היים און דער פויגל זיין נעסט,
אַזוי גייט די אַרבעט, מיין קינד, — ווי דו זעסט.

אַ היים אויפצובויען איז נישט אַזוי שווער,
עס ווענדט זיך — פאַר וועמען מ'בויט עס — און ווער.

און ווייסטו, מיין קינד, אַז געווען איז אַ צייט,
פאַר מיר צום געדענקען, פאַר דיר אָבער ווייט,

אַז דער, וואָס געבויט האָט פאַר יענעם דאָס הויז,
האָט שפּעטער פון וויטן געקוקט אויף דעם בלויז.

און דער, וואָס געזייט אין פעלד האָט דאָס ברויט,
געבליבן אַליין איז אין שטענדיקער נויט.

נישט פריי איז געווען דער מענטש, ווי אַצינד,
דאָס איז קוים צום גלייבן, נישט אמת, מיין קינד?...

כ'האָב פאַרפלאַנצט א בוים

איך האָב פאַרפלאַנצט אַ צווייג נישט ווייט פון פענצטער,
און אויסגעוואַקסן איז פון איר אַ בוים,
פון אַלע ביימער איז ער איצט דער שענסטער,
אַזאַ — האָב איך געזען בלויז אין מיין טרוים.

נאָר נישט געקאָנט האָב איך צו אים דערגרייכן,
געווען איז פרעמד דעם באָדן מיינע טריט.
איך פּרוּוו דעם געכטן צו מיין היינט פאַרגלייכן —
אַ ווייטקייט ווי פון ערד ביז צום זעניט.

איך האָב פאַרפלאַנצט אַ צווייג נישט ווייט פון פענצטער,
זי בליט, זי לעבט, און וואַקסט זיך אומגעשטערט,
און גוט איז מיר, איך ווייס, איך בין אַ גערטנער
אויף דער באַפרייטער בליענדיקער ערד.

קאָניע-גורע, 1949

דאַכט זיך, די אייגענע יידישע שפּראַך...

דאַכט זיך, די אייגענע יידישע שפּראַך,
אויף וועלכער געשריבן כ׳האָב לידער אַ סך,
נאָר קיינמאָל אַזוי נישט ווי איצט האָט ביי האַנט
געשפּאַנט האָט דאָס ליד מיט מיין לעבן בייַנאַנד.

געפונען מיין ליד האָט אַ גייעם פאַרגלייך —
צום הימל און פיל מאָל באַזונגענעם טייך,
די אייגענע שורה, דאָס וואָרט פון אַמאָל,
איצט גראַמט זיך אַליין מיט אַ גיסער פון שטאָל,

מיט פייערן איבער די וועלפן בייַנאַכט,
און מיט דעם מאַטראָס נעבן ים אויף דער וואַך,
מיט נאָרוואָס פאַרענדיקטער שיף נעבן ברעג,
וואָס שווימט צו די ראַנדן פון באַלטיק אַוועק.

דאַכט זיך, די אייגענע יידישע שפּראַך,
אויף וועלכער געשריבן כ׳האָב לידער אַ סך,
נאָר קיינמאָל עס איז נישט ווי איצט מיין געמיט
געווען אַ טייל פון מיין אייגענעם ליד...

שטיל ארום...

שטיל ארום. די פּייכטע לאָנקעס
בלענדן גרין און געל באַמאָלט.
פון מיין גלאַנצנדיקער ווידלע
טריפט מיט זילבער און מיט גאָלד.

שטיל ארום. ס'איז שטייף די לופט,
ווי לויטער וואַסער אין א גלאָז.
מיד פון היץ עס שלאָפט דער טאָג,
אָטעמט קוים אין ווייכן גראָז.

שטיל ארום. און בלויז מיין שאָטן
טריט ביי טריט ער גייט מיר נאָך,
אָט ביי זייט און אָט פון פאָרנט
שנעלער שפּאַנט, כאָטש יאָג אים נאָך.

שטיל ארום. דער טאָג ווערט בלאַסער,
די זון א רויטע קוקט אראָפּ.
צווישן יאָדלעס אינעם וואַסער
ליגט דאָס דערפל קאָפּ אראָפּ.

האַרבסט

בײַ זײ איז דורך ריטשקעס די זון אױסגערונען,
און באַרװעס עס קריכן פֿון ראַנד די פֿאַרטאָגן;
דער בױם זײַנע בלעטער קאָן מער נישט געפֿינען,
אַ װינט האָט זײ ערגעץ אין װיסטקײט פֿאַרטראָגן.

בײַ זײ ליגט די פֿױלקײט פֿון האַרבסטיקן װאָלקן
צעלײגט איבער שטעט, איבער דערפֿער און װעגן.
און ערגעץ פֿאַרחלומט שפּאַצירט זיך אַ דיכטער
מיט פֿאַרבן פֿון אָפּגאַנג זײַן מוזע צו פּלעגן...

בײַ אונדז, כאָטש מיט האַרבסט שטײען בײמער באַקלעפּטע,
אין טױיִקע מאַנטלען עס בלײַבן די מאָרגנס,
דאָך איז עס דער האַרבסט שױן פֿון צײַטן באַנײַטע,
װאָס אין זײַן געװעלק ליגט דער פֿרילינג פֿאַרבאָרגן.

מיר האָבן דעם אָפּגאַנג פֿאַרזײט מיט אַן אױפֿגאַנג,
און װעלן אַן אײביקן פֿרילינג דערגרײכן.
מיר זענען בכּוח צו בײַטן קלימאַטן,
באַצװינגען דעם שטראָם און דעם לױף פֿון די טײַכן.

אין אונדזערע לענדער איז האַרבסט נײַנצן פֿופֿציק —
די װעלדער מיט גאָלדענע קרױנען זײ גליִען.
נאָר װער האָט געהערט, אַז אין פֿאַלן פֿון בלעטער
עס זאָלן זיך שטײנער און ציגל צעבליִען?

זײ בליִען, זײ װאַקסן אַרײַן אין די רױמען,
װי קנאָספּן זיך ליכטיקע פֿענצטער צעפֿראַלן
און זאַפּן די פֿרישקײט אַרײַן פֿונעם מאָרגן,
כאָטש האַרבסט איז, כאָטש בלעטער עס װעלקן און פֿאַלן,

אין אונדזערע לענדער איז האַרבסט נײַנצן פֿופֿציק,
דאָך גרינט װי אין פֿרילינג, עס איז נישט קײן חלום!
און איבער דער בלױנג מיט ליכטיקע פֿאַרבן
עס פֿלאַטערן פֿאָנען פֿון אַרבעט און שלום.

א וועג

גלאַנצט אַ האַק, זינגט אַ זעג,
פאַלן ביימער — ווערט אַ וועג.

כריפּען רידלעס ביי דער זייט —
ווערן ראָוועס טיף און ברייט.

דורכן וועלדל ווייט און לאַנג
וואַקסט אַן אַנשיט, ווי אַ שלאַנג.

שוואַרצע שוועלער אין אַ ריי,
אויף זיי רעלסן גלאַנצן צוויי.

ברענען קופּעס מיט געצווייג,
וואַגאַנעטקעס מיט געצייג.

שרייט, דערגרילצט אַ לעצטער שרויף,
עפענען זיך ווייטן אויף.

גלאַנצט אַ האַק, זינגט אַ זעג,
רוישן דראָטן נעבן וועג.

סלופּעס ברוינע אויסגעשטעלט,
יאָגן זיך אַוועק אין פעלד.

גלאַנצט אַ האַק, זינגט אַ זעג, —
שנייט אַ באַן זיך אויפן וועג;

פייפט און יאָגט אַהין־אַהין,
צו דער שיינענדיקער זון.

שמשעמשין, 1950

הימל־בלוי

פאַראַן דען אַ פאַרגלייך,
אַן ענלעכער צו דיר?
דיין בליק איז מילד און ווייך,
ווייל בלוי איז דיין קאָליר.

אויף יעדן קאָנטינענט
דיין לויטערקייט זיך שפרייט,
ווי ס׳גרייכן זיך די הענט,
און טייכן פון דער ווייט,

עס וועבט זיך אין דיין ליכט
די בלענדנדיקע פאָן,
אויף וואַרשע און אויף פּראָג,
אויף מאָסקווע און קאַנטאָן.

מיט שלומדיקן הערב
און אויף יעטוועדער שפּראַך —
פאַר דורותדיקן גליק,
פאַר איין דער זעלבער זאַך.

איז ווער זשע דען אימשטאַנד
דיין לויטערקייט פאַרשטעלן? —
מעג פּרוּוון זיך די נאַכט
פאַרלייקענען דיך וועלן —

דו שיינסט נאָך מער, דיין בלוי —
אַ הייליקער סימבאָל,
די שאָטנס פון דער נאַכט
פאַרטרייבסטו פונעם טאָל.

פאַראַן דען אַ פאַרגלייך,
אַן ענלעכער צו דיר?
דיין בליק איז מילד און ווייך,
ווייל בלוי איז דיין קאָליר.

א זאַנגען־קראַנץ

מיר שיקן אייך אַ זאַנגען־קראַנץ,
פון אונדזער מי אַ זילבער־הערב,
אויף אים עס שפּילט פון טוי דער גלאַנץ,
דאָס מיטאָג־גאָלד — צעשטראַלט פון סערפּ.

אויף אַלע פיר דער טאָג קריכט אום,
צו זון, צום וואַלד דערשלעפּט זיך מיד;
די פורן ציען פול געלאָדן,
עס קלינגט אין פעלד אַ יידיש ליד.

ס'איז סוף פון שניט ביי אונדז אין פעלד,
און איך שטעל אויף דעם לעצטן סטויג,
ביז ס'וועט די רויטע זון פאַרגיין
אינעם טייכל פון מיין אויג.

קאָניע־גורע, אָקטאָבער 1948

אויוון „ב״

שאַמאָטעוווע אויוונס און רוישיקע האַלעס,
און הייבערס באַוועגטע דורך שטאָלענע הענט,
עס זעצן די פלאַמען אין מעכטיקע כוואַליעס,
אַרויס פון אַן אויוון אַ נייעם צעברענט.

אַן אויוון — זיין נאָמען איז „ב״. ווען ער פלאַקערט
מיט פליסיקן שטאָל, פון זיין בראַנדיקן גלי
גייט אויף נאָך אַ הייב־שטאַנג, אַ רעלס, נאָך אַן אַקער,
גייט אויף איבער פעלדער דער פרידלעכער בלי.

אַן אויוון באַנייט אין דער הוטע „קאָשטשיושקאָ״,
געקרעפטיקט זאָל ווערן פון בויער די האַנט,
וואָס האָט אים באַשאַפן, באַלעבט אים מיט פייער,
וואָס לייכט אויפן וועג צו דער צוקונפט פון לאַנד.

שטשעטשין, סעפטעמבער 1951

דער נאָמען מענטש

דער נאָמען מענטש, ווי שיין ער קלינגט,
ווען ער צום מענטשנס האַרץ דערגייט,
ווי זוניק־העל עס שטראַלט פאַרבײַ
דאָס קורצע וואָרט דורך רוים און צייט.

אַ וואָרט אַזאַ, ווי ווערטער פיל, —
אין ווערטער־ים איין זילב נאָר בלויז,
נאָר ווען באַפליגלט פון געפיל —
ווי הויך, ווי מעכטיק וואַקסט עס אויס!

דאָן ברעכט עס אייזן און גראַניט,
דאָן נעמט עס בערג און טײַכן איין,
דערגרייכט די טיפקייט פון זעניט —
פאַרפילפאַכיקט די זונען־שײַן.

באַהערשט די וויסטע „קאַראַ־קומס“,
און שפּרייט פאַנאַנדער אַ קאַנאַל,
פאַרטרײַבט דעם דורשט, דעם בראַנדן־ווינט,
ברעכט אויס די צײַנער פון שאַקאַל.

דער נאָמען מענטש, דער שענסטער קלאַנג,
וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין ווײַטסטער ווײַט,
צוימט אײַן די פינצטערניש פון נעכט,
באַלײַכט די קומענדיקע צייט.

דער נאָמען מענטש, וואָס כישופט אויס
דעם וועג צו גליק פון „לעצטע טעג“,
באַזיגן וועט די מענטשן־וועלף,
וואָס שטעלן זיך אויף זיין וועג.

געבענטשט איז דער פויער

געבענטשט איז דער פויער, וואָס דאַרף שוין נישט מער
אויף פריצישע פעלדער זיך בייגן,
ער ווייסט, אַז דער האַר פון זיין מי — דאָס איז ער,
אַז דאָס גוטס פון דער ערד איז זיין אייגנס.

געבענטשט איז דאָס מיידל, וואָס פירט דעם קאָמביין
מיט לידער ביים שניידן און דרעשן,
דעם שמייכל, וואָס זילבערט ביי איר אין די ציין,
קיין שאָטן וועט מער נישט פאַרלעשן.

געבענטשט איז די פויערטע, וואָס אויף איר פעלד
אַרום איז דאָס ברויט אויפצוקלייבן,
איר פנים געררונצלט איז דאָך אויפגעהעלט —
זי לערנט זיך לייענען און שרייבן.

געבענטשט איז די כאַטע, אַ פולע מיט ליכט,
וואָס שפּאַרט פונעם הימל דעם קלאָרן —
דערגרייכט האָט מיצקעוויטשעס ליד צו איר סטריך
נאָך ״ שקלאַפישע פינצטערע יאָרן.

צוהילף דעם פויער

האָב נישט מורא, פריינד דו מיינער,
כ'וועל די קערנער נישט פאַרשיטן,
ס'האָט מיין האַנט שוין אַ געניטע
אי געזייעט, אי געשניטן.

יעדער שפּאַן מיר איז דאָ היימיש,
יעדעם גרעזל, די אַרומען —
קוק נישט, פריינד, וואָס אויף אַ טאָג בלויז
העלפן בין איך דיר געקומען.

אַ באַנייטע לייכט דיין כאַטע
פול מיט זון מיין הויז אַנטקעגן,
און צו גליק און פרייד פאַר דורות
פירן אונדז די זעלבע וועגן.

לאָמיר אויף די וועגן שפּרייזן,
ברידלעך זאָל דער הימל בלויען,
ווען דער אַרבעטער און פויער
זייער לאַנד צוזאַמען בויען.

פ.ג.ר. דאָברע, אויגוסט 1952

פארמעסט מיט דער זון

וויפל מי עס זאָל מיך קאָסטן,
הינטערשטעליק כ'וועל נישט בלייבן.
כ'האָב זיך מיט דער זון פאַרמאָסטן,
זאַנגען אויפן פעלד צו קלייבן.

בינד איך זיי אין העלע בינטלעך,
און איך שטעל זיי אוים אין סטויגן,
רינען טראָפנס פון מיין שטערן
און פאַרטריפן מיר די' אויגן.

שטייט די זון אין קלאָרע בלויען,
אַן אַנטבלויזטע, צעגליטע,
גאָר עס וועלן נישט פאַרראַטן
מיך — די הענט מיינע געניטע.

ביזן אָוונט זאָל קיין בינטל
אויפן פעלד נישט בלייבן ליגן —
כ'האָב זיך מיט דער זון פאַרמאָסטן,
ווער וועט ווער וועמען באַזיגן?

פ.ג.ר דאָברע, אויגוסט 1952

דער פּיאַסעטשער שלאָס

דער גרויער מאַסיוו מיט צעלעכערטע ווענט,
א פעסטער ער שטייט נאָך אויף זיין פונדאַמענט,
און גלייך ווי זיי וואָלטן געהאַלטן דאָ וואַך —
עס פלאַטערן מעוועס אַרום אויף זיין דאַך.

אַמאָל פון זיין וואַנט קומט אַ ריטער אַרויס,
פון בלענדעניש רייבט ער די אויגן זיך אויס,
ווי ס'וואָלט אים די צייט פון זיין שלאָפן אויפגעוועקט,
ער לאָזט זיך אַראָפּ פון שיפּוע צום ברעג.

אָט דאָ ביי דעם ברעג פון קאָלירטן גראַניט
מיט דורות צוריק האָט זיין זיידע גערוט,
און צווייזייטיק שאַרף איז געווען זיין שווערד
אין שלאַכט מיט די פיינט פאַר דער פּיאַסעטשער ערד.

זיין ראיה איז שאַרף — אויפן שטראָם פון זיין בליק
עס רויכערט א פּוילישע שיף, א פאַבריק, —
און ס'לאָזט זיך דער ריטער אַראָפּ פון זיין פערד,
און דריקט מיט די ליפּן זיך צו צו דער ערד.

דער גרויער מאַסיוו מיט צעלעכערטע ווענט,
ער שטייט דאָ א פעסטער אויף זיין פונדאַמענט;
עס וואַרעמט די גלידער אַנטקעגן דער זון
דער פּיאַסעטשער זיידע פון אַלטן שטשעטשין.

יולי 1952

בײַם ים

מיט שומיקע כוואַליעס דו רײַסט אויף די ווײַטן,
געווײַנט ביסטו לענדער אויף לענדער פֿאַרבײַטן.
קיין מזרח, קיין דרום, צום שנײַיִקן צפֿון —
דײַן מערב־וועג בלויז איז א שאָטן פֿאַרלאָפֿן.

די שקיעות — פֿון טעג אויסגעבערענטע געדאַנקען —
זײ זינקען אַראָפּ אויף דײַן דנאָ צו דערצאַנקען,
נאָר שטרענג אָן דײַן אויער, פֿון ווײַטע אָרומען
אַ נאַכט א פֿאַרטײַעטע קלויבט זיך צו קומען.

מיט אומרו באַוועגט זי בײַ מעוועס די פֿליגל,
וואָס מחנותווײַז רוישן אַרום אויף דײַן שפּיגל;
א שרעקלעכע נאַכט וויל דער מערב פֿאַרשפּרייטן,
ער וויל זײ, די מעוועס, מיט קראָען פֿאַרבײַטן.

וואָך אויף — אויפֿן ראַנד האָט א רויך זיך צעטונקלט,
אן אויג פֿון א וואָלף דאָרט געטאָן האָט א פֿינקל,
אַ ווינט מיט צעפּלאַטערטע פּאָלעס איז גרייט שוין
די פֿונקען אויפֿבלאָזן, אין שרפֿות פֿאַרשפּרייטן.

פֿאַראייניקט מיט לענדער באַפֿרייטע און טײַכן —
ווער קאָן זיך ידיען, ים, מיט דײַן כוח פֿאַרגלײַכן? —
דו עפֿן זיך אויף ביז די פֿינצטערסטע טיפֿן,
דערטרינק די פּיראַטישע נאַכטיקע שיפֿן.

דער פוילישער ים

דעם פוילישן ים כ׳שפיגל אָפּ אין מיין בליק,
מיט זיין נאָענטקייט כ׳קאָן זיך באַרימען;
ס׳איז גוט דאָ צו זיין א מאַטראָס, און א גליק
אויף וואַסערן זייגע צו שווימען.

דעם פוילישן ים מיט מיין אויג איך פאַרנעם,
דעם הימל אויף אים אויסגעשפּרייטן —
ווען שקיעה צעשרפּעט זיך אונטער זיין ברעם,
נאָך קלאָרער איך זע זיינע ווייטן.

עס ציינדן זיך שטערן פון ראַנד ביז צו ראַנד,
ווי וואַכזאַמע אויגן אין רוימען,
עס זאָל נישט קיין שונא דיך ווידער, מיין לאַנד,
פון ים מיט א גרענעץ פאַרצוימען.

12 דעצעמבער, 1953

אַן אויספלוג אויף דער שיף „דיאַנאַ"

אָפּפאָר

א לויטערער הימל באַרעמט דעם פרימאָרגן,
א נעפּל די ווייט הינטער זיך האָט פאַרבאָרגן,
א שניידיקער רעוועז, א קלאַנג און א צווייטער,
דער שטח פון ברעג ביז דער „דיאַנאַ", ווערט ברייטער —
צוריקוועגס דער פאָרט שרומפּט זיך איין מיט די הייזער.
פון דאַמפער די זון קוקט דורך גאָלדענע גלעזער,
פון נעפּל דער ראַנד קלאָרט זיך אויס אַזאַ גרינער,
אַלץ ברייטער פאַרנעמט זיך דער אויסגוס שטשעטשינער,
עס לאַכן די כוואַליעס, און זאָרגלאָז דער וועג איז —
אין רו־טאָג אַן אויספלוג צו באַלטישע ברעגעס.

אַ וואַך־שיף

אויף רויִקער שנור האָט א פאָן אויפגעפלאַקערט,
אויף רעכטס עפּעס טונקלט דאָס וואַסער צעאַקערט
אין אָפּגלאַנץ פון זון, עס באַווייזן זיך רערן,
אַלץ נעענטער זיי קומען, אַלץ שאַרפער זיי ווערן,
פאַמעלעך פאַרביי אונדזער „דיאַנאַ" זיי שווימען,
עס פאַלט א „ראַקעטע" פון הונדערטער שטימען:
„שטשעטשין, אונדזער פאָרט! און פון ברעגעס פון פרייע
געגריסט זייט, מאַטראָסן — באַשיצער געטרייע!"
צום שפּיץ פון דער מאַסט דאָרטן עמעצער קלעטערט,
מיט מעשענעם קלאַנג א טראָמפּייט טוט א שמעטער, —
צעפּאָכען זיך טיכלעך, ווי פליגל פון טויבן,
און פרייד־אויסגעשרייען: „זאָל לעבן, זאָל לעבן!"

אַ פישער־באַזע

צופוסנס דעם הימל עם טונקלען קאָנטורן,
און אָט איז א בוים נעבן צווייטן געוואָרן;
אַלץ נעענטער עס שפּרייטן זיך זאַמדיקע פלעצער,
מיט ציגל פאַרוואַלגערט, מיט אייזן און קלעצער.

אײן ציגל דעם צװײטן עס װאַקסט דאָ אַריבער,
און שיפֿן פֿון פֿישער, װאָס רופֿן זיך איבער.
דער טײַך דאָ דעם ברעג קושט מיט שװימיקע ליפּן,
באַטעפּעכט דאָס פֿעלד איז מיט זילבער פֿון שיפּן,
אַ פֿלאַמיקער אױפֿשריפֿט פֿון ריזיקע פֿלענער
גײט אױף פֿון צעװײשן צעװױנטלטע פֿענער.

צוריקװעג

די זון אַ צעפֿײערטע שטײט אױפֿן אַנקער,
עס שטאַרצט דער סקעלעט פֿון אַ דײטשישן טאַנקער.
אַ טונקעלע בלױקײט אַרום נעמט זיך שפּרײטן,
עס צינדט זיך און לעשט זיך אַ טורעם אין װײטן.
די הוטע שטשעטשינער גלײט־אױף פֿון אַ װינקל,
מיט טאָפּלטע פֿלעמלעך דער ראַנד זיך צעפֿינקלט,
אַלץ העלער זײ ציטערן, מערער זײ װערן,
ביז װאַנעט זײ טײלן זיך אָפּ פֿון די שטערן.
װאָס נענטער מיר שװימען — באַקאַנטער דער װעג איז:
אָט גײז שױן שטשעטשין מיט צעצונדענע ברעגעס,
און װידער איך שטײ װי דערװאַכט פֿון אַ חלום
בײַ הײמישער אָדרע, דער גרענעץ פֿון שלום.

שטשעטשין, סעפּטעמבער 1951

א נייע שיף

זעסט די שיף, וואָס בויט זיך דאָרטן?
ווי זי וואַקסט מיט יעדער שעה?
פאַרטיק זענען שוין באָרטן,
אָפּגעפאַרבט אויף טונקל-בלאָ.

און אין זיי די אויגן-פענצטער
אַזוי זוניק אויפגעהעלט,
אָט איז שוין אַ ווייסער קוימען
אין די מאַסטן אויפגעשטעלט.

זעסט? אַ רויך האָט זיך צעוויקלט,
אויפגעאָטעמט אַ מאַשין.
שווימט אַ נייע שיף, געבוירן
אין די ווערפן פון שטשעטשין.

און זי רעוועט אַזאַ שטאָלצע —
פרײדן זאָגט איר רעווען אָן.
איר פאָרויס דער שטראָם, דער הימל
וויקלט זיך — אַ העלע פאָן.

אויפן וועג פון קלאָרער אָדרע,
שוועבט די שיף פאָרויס, פאָרויס,
צו די ראַנדן, ווו דער באַלטיק
בריטערט זיך אַ בלויער אויס.

קניפּט די נאָענטן מיט ווייטן,
פירט אַ גרוס פון אונדזער לאַנד.
און מיט ליבשאַפט איר באַגלייטן
בליקן ביז צום סאַמע ראַנד.

קומען שוימענדיקע כוואַליעס,
שלאָגן זיך אין אירע ווענט,
נאָר די שיף באַוועגט זיך ווייטער,
אָנגעפירט דורך דרייסטע הענט.

מיט אייער פּאַראָל

פון חרובן הויז די פּאַרבליבענע פּאָן,
די שלאַכט־פאָן, וואָס איז נישט געוואָרן פּאַרברענט,
מיר האָבן מיט שטאָלצע, געהויבענע קעפּ
זי איבערגענומען אין אונדזערע הענט.

מיט איר קענן שונא פון נעכטן און היינט
דערגייען מיר אייערע פּאַרשניטענע טריט.
פון געטאָס עס חלומט שוין ווידער דער פיינט,
ער אָטעמט שוין ווידער מיט פייער און בלוט.

דעם לעצטן געראַנגל מיר זעען נאָך פריש,
איר שפּייט אויס מיט בלוט אינעם פּנים פון טויט.
דער חלום נאָך פרייהייט, נאָך פרייד און נאָך גליק
אין אונדזערע הערצער גייט אויף אזוי רויט.

מיר הערן דעם רוף און מיט אייער פּאַראָל:
„פאַר אונדזער און אייער פרייהייט!"
מיר גייען פאַרשטעלן מיט הערצער און שטאָל
די וועגן צו געטאָס די נייע.

דעם אָנדענק פון די געטאָ־אויפשטענדלער

מאַרטירער און העלדן פון װאַרשעװער געטאָ,
מיט װוּנדן אין האַרץ אין פאַרגליװערטן רויט —
אײַך װעלן געדענקען יאָרהונדערטער שפּעטער,
דערמאָנען אײַך, שטאָלצע באַזיגער פון טויט.

ברידער און קעמפער, איר זענט נישט געשטאָרבן,
צי האָט דען א שייכות דער טויט צו דעם העלד?
איר האָט זיך דאָס לעבן אויף אײביק דערװאָרבן,
אַ ליכטיקן דענקמאָל אויף דורות געשטעלט.

העלדישע שלאַכטלײַט פון הײמען פאַרברענטע,
פאַרצוימטע מיט חורבות און שטעכיקן דראָט,
אָ, זעט! אײַער קאַמפס־פאָן װיבערירט א באַזונטע
אויף גאַסן באַנײַטע פון װאַרשע דער שטאָט.

העלדישע ברידער פון װאַרשעװער געטאָ,
מאַרטירער פאַר פרײַהײט, פאַר שלום און פרייד,
מיר װעלן נישט רוען — װי לאַנג פון „קאַזשעדאַס"
און געטאָס די ערד װעט נישט װערן באַפרײַט.

גרינער בוים

צום אָנדענק מיינע אומגעקומענע פרוי
און קינד, טייבל און פּנחס רייזמאַן.

גרינער בוים — דו ביסט נאָך גרינער
אין מיין חלום אויפגעקומען —
זאָג מיר, וויאַזוי דאָס לעבן
דיר ארום איז אומגעקומען?

— פרעגן ביי די הימלען, זאָגסטו? —
הימלען הענגען דאָך פון אויבן,
אָן אָן אָנהייב, אָן אָן ענדע,
ווי זשע קאָן איך הימלען גלויבן?

— ביי די ווינטן זאָל איך פרעגן? —
ווינטן זענען אויך אנטלאָפן,
איינגעטוליעט אין די צווייגן
פון די וועלדער איינגעשלאָפן.

— ביי די וואָלקנס זאָל איך פרעגן? —
וואָס זשע קאָנען וואָלקנס זאָגן?
טעג און נעכט מיט בלוט און שרפה
האָבן זיי צום ראַנד דערטראָגן.

נאָר דו איינער, פריינד באַגרינטער,
איינגעטוליעט אין די צווייגן,
קאָנסט פאַרשטיין מיין טיפן ווייטיק,
דו בלויז קאָנסט פאַרשטיין מיין שווייגן.

גרינער בוים — דו ביסט נאָך גרינער
אין מיין חלום אויפגעקומען —
אז געוועזן דאָ מיין היים איז,
אייביק זאָלסטו זיין א סימן.

1947

בלויאויגיקע מיין

ווער האָט דיך געבראַכט, דו בלויאויגיקע מיין?
איך וויים, אז אויף אש איז פאַרבראַענט דיין געביין...
פאַרבלייב ביזן סוף און נישט גיי מער אוועק,
א צווייט מאָל דו האָסט פאַר מיין אויג זיך אַנטפּלעקט —
פון שאָטן־געוועבן, פון טונקל ארוים,
א הייליקער נאָמען, א פלאַמיקע רויז. —

איך וויים — ס'איז א טרוים, כאָטש נישט וויסן איך וויל...
די שטילקייט ארום ווערט נאָך שטילער ווי שטיל,
דיין צויבער גייט אויף אין די טונקעלע ווענט,
ביסט ווידער געקומען, איך האָב דיך דערקענט.

מאי 1953

דעם אָנדענק פון סאָוויעטישן זעלנער ביאַלאשאָוו

געלעגן צוזאמען אין זעלבן בלינדאזש,
צוזאמען געגעסן דאָס אייגענע ברויט.
א ביקס, א גראנאט, אויפן קאָפּ א באנדאזש,
א דרייסטער געקוקט אינעם פּנים פון טויט.

אין רוימען גליט רוישנדיק דורך דער קארטעטש,
און ברייטערט אין העלישע שרפות זיך אויס.
אָט איז סעוואסטאָפּאָל, פעדאָסיא און קערטש —
דער וועג פון זיין זיגרייכן שפאנען פאָרויס.

ער ווייסט: „ס'האָט די קויל נישט קיין שייכות צום העלד",
ווי ס'האָט נישט קיין שייכות דער טאָג צו דער נאכט;
עס רופט אים דאָס לעבן, דאָס לעבן באפעלט:
איר ביטערסטן שונא באזיגן אין שלאכט.

דער שונא גייט אָפּ און זיין אייגענעם בלוט,
פון דניעפּער און האָרן צום בוג פירט דער וועג,
און ער מיט זיין ביקס, מיט זיין יעטוועדן טריט,
דעם ליכטיקסטן טאָג שמידט ער אויס פון די טעג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א מאָרגן אויף ברוכווארג פון שטעט אויפגעהעלט,
געקנאַל — און א שלאַכט פלאַקערט אויף פונדאָסניי,
אין אויסשפּירער-טייל האָט א זעלנער פארפעלט,
א צווייטער זיין אָרט האָט פארנומען אין ריי.

אין וועלדל ביים שניידמיל א שטערנדל שיינט,
צוקאָפּנס א בערגל, א דעמב ביי דער זייט.
אייביקער רום דיר, מיין חבר און פריינד!
זאָל גרינג זיין די ערד דיר, וואָס דו האָסט באפרייט!

פריינדשאפט־סימבאָלן

דער שטיינערנער דענקמאָל באַדעקט איז מיט בלומען,
מיט פאָנען רויט־ווייסע און פאָנען ווי פלאַמען —
דער זעלנער, וואָס איז פון דער וואָלגע געקומען,
שטייט דאָ מיט א פוילישן זעלנער צוזאמען.

זיי זענען געגאנגען דורך שרפה און גרוילן,
דורך האָגל פון גליאיק־צעשפליטערטן אייזן,
באפרייען די ערד די פארוויסטע פון פוילן,
דאָס לעבן פון אומקום, פון טויט צו דערלייזן.

עס האָט פאר זיין בלוט נישט געמאָנט קיין באלוינונג —
דער הארציקער רוסישער מענטש, דער באפרייער,
ווען ר׳האָט אויף זיין שלאכטוועג פון ביטערסטן שונא
די טריט אויסגעברענט מיט זיין מעכטיקן פייער.

אויף זיינע ארמייאישע זיגרייכע פאָנען
דעם פרידן ער האָט מיט זיין בלוט אָנגעשריבן,
און ווי אויפן דענקמאָל, אין הערצער מיליאָנען
מיט רומפולער ליבשאפט פאראייביקט געבליבן.

דאָס מיידל פון קורסק

קאָן זיין — פון איר בערגל ביים שטעטל פּאָווורסק
איז מער נישט קיין זכר פאַראַן,
דאָך לעבט אין מיין הארץ נאָך דאָס מיידל פון קורסק,
נאָך איצטער זע איך זי ווי דאַן.

אין רויטער ארמיי מיט איר אייגענעם ווילן —
נישט איינעם א ווייסן סאָלדאַט
געטראָפן עס האָט שוין איר ביקס און געצילט
עס האָט פון איר האַנט דער גראַנאַט.

אַמאָל פלעגט זי זיצן מיט מיר אויף איר שוועל
אין יוליקן פאַרנעם פאַרנאַכט;
מיך לערנען די רוסישע ווערטער פון ליד:
„דרייסטער, חברים, אין שלאַכט".

נאָר איינמאָל — דער טאָג געווען פריש איז און בלוי,
דער הימל — צעליכטיקט און ריין —
מיר דאַכט זיך, איך האָב אין מיין לעבן אזוי
ווי דעמלט — שוין קיינמאָל געוויינט — — —

צעצויגן און דין ציטערט-אויף דער טראָמפּייט,
די פאָן איז געבויגן ביז האַלב.
א פריש בערגל זאַמד — אין ארומיקער ווייט
צעטראָגט זיך א הילכיקער זאַלפּ.

דאָס קלאַפּן פון איר קאָמסאָמאָלישן האַרץ
אָפּגעשטעלט האָט א פּיינטלעכע קויל,
נאָר לעבן געבליבן דאָס וואָרט איז פון זיג
אין אָפן, פאַרבלוטיקטן מויל.

דערטראָגן איך האָב אָט דאָס וואָרט פון איר טרוים
ביז פריידיק געוואָרענער וואָר,
צום ליכטיקן אָנדענק דעם מיידל פון קורסק —
די זאַיע פון ניינצנטן יאָר.

קזיל יולדוס*

אין די הייכן קרייזט ארום א טונקעלער בערקוט,**
גליענדיקע שטילקייט אין א שאָטנדיקן סטעפּ,
לאָזן זיך די הימלען צו די אָפּהאנגען אראָפּ,
האלטן פליכעוואטע בערג זיי אונטער מיט די קעפּ.

פלעמלט פערלמוטערדיק א מיטנטאָג אין ראנד,
דאָ און דאָרט, פון יורטעס וואקסט פאנאנדער אן אאול,
ציטערט אויף א האָמברע ביי א פאסטעך אין דער האנט,
האכט זיך מיר — זיין קאזאכסטאן באזינגט ער, ווי דזשאמבול.

איז מיר היימיש, נאָענט אזוי דער פאסטעך, זיין געזאנג,
די ארומען די צעשטראַלטע פון זיין זוניק לאנד,
ווי געקענט איך וואָלט דאָ יעדעס שטעגל שוין פון לאנג,
קזיל יולדוס — ווי איך וואָלט א צווייטע היים דערמאָנט.

קזיל יולדוס — נישט א נאָמען ביסטו פאר מיר בלויז,
ווען געצייכנט האָט זיין וועג דער פיינט מיט בלוט און פלאם —
אויסגעביטן אויף דיין יורטע כ'האָב מיין חרוב הויז,
און באגעגנט ווי א ברודער האָט מיך דיין „סאלאָם".

קאָן איך דען אין אייך פארגעסן, ליבע מיינע פריינד?
טאלאסביי דעם לערער, דעם צעשמייכלטן קאזאך,
און די אגראָנאָמקע רוט, איך זע זי נאָך ווי היינט,
די בליענדיקע צארטע רויז און נאָך ווי זי א סך.

אָוונט-גלי אויף גרויען פעלד, מיר רייטן זייט ביי זייט,
זון צעשוויבערט, הימל, סטעפּ מיט שקיעה אויסגעמישט;
עפּעס זאָגט זי און זי רעדט, ביז וואנען אירע רייד
א ווינטעלע כאפּט אונטער און פארפלאָנטערט אין קאמיש...

* קזיל-יולדוס — רויטער שטערן.
** בערקוט — אָדלער.

טרעפט אמאָל — די בענקשאפט מיינע שלאָגט אָן אין דער ווייט,
ווי א כוואַליע שלאָגט אָן אין די ברעגעס פון איר טייך,
און דורך דער צעצווייגנקייט פון שטח און פון צייט
ווידער כ׳זע אייך, ליבסטע פריינד, און ווידער כ׳בין מיט אייך.

און מיין יורטע זע איך אין א פרישן בלויען שטראַל —
מעגלעך, אז דאָס זאמד, וואָס האָט געבריט מיר מיינע טריט,
א־מגעביטן האָט זיך פאר דער צייט אין א קאנאַל,
און מיט ווייץ און ווייגטרויבן דער סטעפ האָט זיך צעבליט.

כ׳זע דיך, קזיל יולדוס, מיין היים מיין צווייטע, קאזאכסטאַן,
א גרוס דיין מי, דיין פאַסטעך, און דעם לערער טאלאסביי,
א גרוס די אגראָנאָמקע רוט, וואָס מיט איר צארטער האנט
פלאנצט זי פרישע גערטנער, און זי בליט צוגלייך מיט זיי.

שמשעמשין, 1954

ברענענדיקע הימלען אין אזיע

.1

ס׳איז מאי — איך קוק זיך צו, ווי די מאַנגאָלעס בליען,
מיט ווייסן צווייט באַשאָטן זעגען די קאַשטאַנען,
נאָר כ׳פיל, אז פייערן די בליקן מיינע בריען,
דעם פלאַם פון ווייטע הימלען זע איך איצט פון דאַנען.

ביים פענצטער שיינען רויזן, שמייכלען טולפּאַנען,
נאָר ערגעץ ברענען הימלען, ערגעץ ברענען לענדער,
ווי ווייט אין שטח, פריינד, דו זאָלסט נישט זיין פון דאַנען,
איז מיר נישט פרעמד דיין קאַמף, ביסטו מיר נישט קיין פרעמדער.

אין טיפע דזשונגלעס הער איך וויינען דיינע קינדער,
דער שונא האָט זיי פון דער נעסט ארויסגעטריבן;
און מיינע האָט אויף אש פאַרברענט דער אונטערצינדער,
דער אייגענער, וואָס האָט זיך איצט צו דיר פאַרקליבן.

.2

א הייפל מערדער קעגן הונדערטער מיליאָנען —
נישט לאַנג זיי וועלן שוין דעם נאָמען מענטש פאַרראַטן,
ווען ס׳וועלן פעלקער אין דעם עבר זיך דערמאָנען,
פאַרשטומען וועלן דעמלט זייערע האַרמאַטן.

אין ימען ווייטע וועלן רויבערישע שיפן
פאַרשטעקטע בלייבן און אין ערגעץ נישט חרשווימען,
ווען ס׳וועלן לענדער זיך מיט לענדער איבעררופן,
ווען ס׳וועט דער דורות-צאָרן זיי אנטקעגן קומען.

די שפּאַרבער־פליגל וועט צעברעכן זיי א שטורעם,
ווי נאָר זיי וועלן אין די הימלען זיך באַווייזן;
פון ברענענדיקע הימען, פון אומבאַוווסטע קברים
עס וועט די העלע מאָרגן־זון דעם מענטש דערלייזן.

ס׳איז מאי — איך קוק זיך צו, ווי די מאַנגאָלעס בליען,
איך פיל די ריחות פון קאַשטאַנען און פון קליאָנען,
נאָר אז ווייטע פייערן די אויגן מיינע גליען —
דאָס ווינקלען אזיעס הימלען זיך אין זיגער־פאָנען.

שטשעטשין, 1953

ברודער קאָרעער

אויף ראנדן צעגליטע וויברירט דיין פרימאָרגן,
דיין זון לייכט ארוים פון א פלאמיקער וויג.
אָ, ברודער מיין נאָענטער פון וויטן קאָרעע,
מיט דיר איז מיין הארץ אויפן שוועל פון דיין זיג.

איך פיל אזוי קלאָר ארום זיך דיינע וויטן,
דיין ים א צעשטורעמטער רוישט ביי מיין טיר;
מיין טרוים איז אריבער די גרענעץ פון ציטן —
אָ, ברודער, א טריט נאָר פון מיר איז ביז דיר.

זיין נאכט־שיף מיט שרפה צינדט אָן דיינע ברעגעס,
און אויפרייסן דונערן איבער דיין לאנד,
מיט בלוטיקע סעריעס ער טויט דיינע רגעס
און דיינע מעת־לעתן דערשטיקט ער אין בראנד.

פהעניאן — אויף די גאסן געוועזענע דיינע,
אויף קברים זיין נעסט האָט דער שונא געבויט;
אין שימל פון צייט, ביי דעם אוראלט צופיסן,
זיצט בודא פארגליווערט, ער שווייגט ווי דער טויט...

ער זיצט איינגעוועבט אינעם שטויב פון נירוואנא
און זעט נישט — גלייך גאָרנישט ארום וואָלט געשען,
נאָר איבער זיין קאָפּ גייען אויף פּארטיזאנער —
זיי גייען דעם וועג פונעם העלד קים איר סען.

זיי גייען — פון שטחים די פחדים אנטלויפן —
זיי גייען פארטרייבן דעם טויט פון דיין ברעג,
זיי מוטיק קאָרעע! ווי ליכטיקע פאָנען,
עס וויקלען זיך אוים אויף פאָרוים דיינע טעג.

הואַן טסו גואַן

אין זיין גערהאַנגל מיט די אינטערהווענטן,
אויף זאַלפּן פון צעפלאַמטע באַטאַרייען
געגאַן איז דורך זיין שטעטל דעם פאַרברענטן
דער העלדישער מאַטראָסאָוו פון קאָרעע.

עס פייערן דריי קוילנוואַרפער־נעסטן,
מיט בראַנד און טויט דאָס פעלד אַרום פאַרזייען,
גראַנאַטן צוויי פאַררוקט איןביידע פּויסטן —
ער מוז און וועט דעם וועג פון זיי באַפרייען.

אַ שליידער, און אַ טויבער קנאַל — געטראָפן!
די ערשטע פייער־נאָרע איז אַנטשוויגן,
די צווייטע — אין אַ בערגל רויך פאַרלאָפן,
די דריטע בלייבט נאָך איבער צו באַזיגן.

פאַרלאָשן, ווי מאַטראָסאָוו מיט זיין קערפּער,
האָט הואַן טסו גואַן די אַמבראַזורע.
ער אָטעמט נישט, ער שווייגט — נאָר זיינע אויגן,
זיי קוקן ערגעץ ליכטיקע און קלאָרע.

עס רוישט דער געלער ים ביז זיינע טיפן,
אַ כוואַליע אויף אַ כוואַליע זיך פאַרבייטן.
אין שוימענדיקער איילעניש זיי טראָגן
זייַן העלדנמוט אַוועק אין רוים און ווייטן.

און פון די בערג מיט וואָלקנדיקע צויטן
וויקלט זיך אַ מאָרגן אויס אַ נייער.
אין הימלראַנד צעשוועמענעם, אין רויטן,
די זון גייט אויף — אַ האַרץ פון בלוט און פייער.

אַ האַרץ, וואָס וועט נישט אויפהערן צו קלאַפן,
אַ נאָמען, וואָס פאַרגעסן וועט נישט ווערן,
ווען, פון דעם שונא פריי, עס וועט קאָרעע
איר פאָלק דעם פיל־געליטענעם געהערן.

די פאַן פון פרידן

דורך האַריקן חושך אין שטורעם געטראַגן,
אין לויער פון שפּיאָנישע קעצישע טריט,
און ווי נאַר אין ראַנד — אַנגעהויבן ס׳האָט טאָגן,
דיין פאַרב כ׳האָב דערזען אין מיין אייגענעם בלוט.

דאָרט, ווו נאָר עס האָבן געברילט קאַנאָנאַדעס,
אין תפיסהשע ווענט פון דער הויפּט-שטאָט מאַדריד,
אין בערג פון אַסטוריע, וואַלענסיע, גראַנאַדע —
מיין גורל מיט דיר כ׳האָב אין שטורעם געשמידט!

חברים פון שפּאַניע, פון גריכנלאַנד, טאָקיאָ!
פון רוים און פון לאָנדאָן! פון וואַנעט דען ניט?
פון ספינקסישן לאַנד, ביזן הייסן מאַראָקאָ —
הערט, ווי עס הילכן פון שלום די טריט!

עס האָט זיך די ווייסל צעשמועסט מיט וואָלגע,
די אָדרע מיט יאַנג-טסע, דער גאַנגעס מיט סענע,
און אַלע אין ים פון מיליאָנען זיי שטראָמען,
פון אַטאָמען שטאַרקער צוזאַמען זיי זענען!...

חברים, אַ גרוס אייך פון מאָסקווע און וואַרשע!
פון בוקאַרעשט, בודאַפּעשט, סאָפיע און פּראָג,
אויך ליכטיק פאַר אייערע טירן מוז ווערן,
אין זון-זייגער גייט אויף אַן אייביקער טאָג!

חברים פון וויעטנאַם, פון קריט און מאַלייע,
מיט ריזיקע טריט די באַפרייונג קומט אָן,
צוזאַמען מיר הייבן ביז הימלישע בלויען
אייערע, אונדזערע, אַלעמענס פאָן.

קאָגיע-גורע, אַפּריל 1949

בויען קינדער אַ הויז

אין הויף פון דער שול, מיט די ליידיקע הענט,
אַן ציגל און ליים, אַן געהילץ און צעמענט, —
מיט פייכטלעכן זאמד און מיט שטעקעלעך בלויז
עס בויען די קינדער א פילשטאָקיק הויז.

א הויז א פארנעם, עפעס גאָרנישט קיין שפאס,
מיט ליכטיקע פענצטער ארוים צו דער גאס,
מיט ביימעלעך הינטער די פענצטער פארפלאנצט,
פון שטיקעלעך בלעך איז דער דאך — ווי ער גלאנצט!...

נעמט דוד א טיכל און קלערט נישט קיין סך,
פארטשעפעט א פאָן אויפן שפיץ פונעם דאך —
א קלוב און א לייען-זאל פאר גרויס און פאר קליין —
אזוי, זאָגט ער, דוד, איז ריכטיק און שיין.

נאָר פלוצלינג דערהערט זיך פון גלעקל דאָס קול,
און פול ווערט מיט פרייד פון די בויער די שול,
וואָס באלד נאָכן לערנען זיי וועלן ארויס
און בלומען פארפלאנצן ארום זייער הויז.

מיין סעדל

(פֿאַר קינדער)

בליט מיין סעדל אינעם ווינטער,
ווייסער צווייט אויף גרויע שטאַמען;
ווײַנשל, פלוימען, רויט ווי צונטער,
טונקען זיך אין שקיעה־פלאַמען.

יעדעם קוסטיקל באַזונדער
ביי דער וואנט פון דראָטן־פּלויטל —
ווײַנפּערלעך, כּמעט נעם באַוואונדער,
האָבן זיך אויף זיי צערויטלט.

אין די שווערע דיקע צווייגן
זיצט א ווינטל מיט א פידל.
קלינגען טענער, נעם איך שרייבן
פון מיין וואונדער־סאָד א לידל.

ווען דאָס לידל אויף מיין שרייבטיש
ביז צום סוף איז אָנגעשריבן,
ווייס איך, אז איך האָב די ווערטער
אין מיין סעדל אָנגעקליבן...

קאָניע־גורע, אַפּריל 1949

זאָג מיר, מאַמע

— וואָס איז דאָרטן פאַר א פייער?
מאַמע, מאַמע, גיב א קוק!
— האָב נישט מורא, קינד מיין טייערס,
ס'איז אַ הוטע, אַ פאַבריק.

— אַ פאַבריק? איז וואָס זשע רוישט עס
דאָרטן מיט א מאָדנעם קול?...
— דאָרטן, קינד מיינס, רוישן אויוונס,
אייזן שמידן זיי און שטאָל.

— ווער זשע שטייט עס ביי די אויוונס
אינעווייניק אין פאבריק?
— דאָרטן, קינד מיינס, שטייט דיין טאטע,
און ער שמידט דיין פרייד און גליק.

— וועל איך גיין דעם טאַטן העלפן,
אמת, מאַמע, ס'איז נישט שווער?...
— וואַקס נאָר אויס, מיין קינד, מיין טייערס,
וועסט א שלאָגלער זיין ווי ער.

דער שילער סיאָמע לייגט א קראַנץ

צום דענקמאָל, וואָס שטייט אויפן ראַג פון א גאַס
עס טראָגן צוויי שילער אין נאָמען פון קלאַס
אַ קראַנץ, וואָס פון העלישער רויטקייט ער ברענט,
אַ קראַנץ, וואָס ווי פייער ער ברויט אין די הענט...

זיי לייגן פאַמעלעך צום דענקמאָל אַוועק
דעם קראַנץ — און פון אויבן, מיט הימל באדעקט
עס שטייען צוויי העלדן אזוי זאלבענאַנד,
א בויער, א זעלנער — א שיצער פון לאַנד.

זיי קוקן פון אויבן, פון דענקמאָל אַראָפּ,
ביי איינעם א שטערנדל לייכט אויפן קאָפּ,
ביים צווייטן — א האַמער פאַרוקט איז אין פויסט,
זיין ברוסט פון גראַניט אזוי פריי איז, אַנטבלויזט.

דעם ייִנגערן שילער איז נישט אומבאַקאַנט
דער העלדישער זעלנער מיט ביקס אין דער האַנט —
זיין פּנים, וואָס שמייכלט צו אים אזוי מילד,
ער זעט אין דער היים אַלע טאָג אויף א בילד.

ער געדענקט נאָך זיין לעצטן א וואַרעמען קוש,
דערנאָך — מיט דער מאַמען אליין ביי דעם טיש.
מיט טרערן באַפלעקט און באַנעצט האָט זי בריוו,
א בענקשאַפט גענאָגט האָט אין האַרצן איר טיף.

זינט דעמלט עס זענען שוין יאָרן אַוועק,
אויף בילד איז פאַרבליבן א בלוטיקער פלעק.
אַז סיאָמע אַמאָל האָט א טאַטן געהאַט —
דאָס ווייסן די פעלדער אַרום סטאַלינגראַד.

דאָס ווייסט אויך דער זעלנער, וואָס שטייט אויף דער וואַך,
ווייל אייגן און ליב ער איז סיאָמען, אים דאַכט:
ער רירט זיך — אָט שפּאַנט ער פון דענקמאָל אַראָפּ,
און צערטלט אים, סיאָמען, און קושט אים אין קאָפּ...

שעשעטשין, אָקטאָבער 1951

א קינדער־קאָלאָניע

ווי זאָרגלאָז עס קלינגט דאָס געלעכטער פון קינדער —
צי האָב איך אמאָל אזוי פריידיק געלאַכט?
איך שטיי און באטראַכט אלץ אַרום ווי א וואונדער,
ווי כ׳וואָלט פון א חלום דערוואַכט.

צעוווישן די סאָסנעס זיי שפּרינגען און רוישן,
די אויגן — צעפלאַמטע, די פּנימלעך — רויט,
ווי וואָלט איך א ווייל כאָטש מיט זיי זיך פאַרטוישן,
אַרוים פון דער אייגענער הויט...

סיי חנעוודיק שוואַרצע, סיי בלאָנדע ווי זאנגען,
ווי סאַמעט דער מאָך גלעט די טריט אזוי שטיל,
דאָס לאַכן פאַרמישט זיך מיט פייגל־געזאַנגען,
ווי ס׳וואָלטן זיך קינדער און פייגל געשפּילט...

דאָס קינדער־שטעטל פּאַרגראָדזשע

פּאַראַן איז א שטעטל נישט ווייט פון שטשעטשיק,
אזא וואָס געבענטשט איז מיט וואלד און מיט זון,
עס פליסט דאָרט דער באַלטישער אויסגוס פּארביי,
מיט זשיוויצע־ריחות עס אָטעמט זיך פריי!

און לויטער דער הימל פון ראנד איז ביז ראנד,
א נאָענטער אזא, כאָטש דערלאנג מיט דער האנט,
ארום שמעקט מיט פרישקייט פון היי נאָכן שניט,
פוןביימער עס שיט זיך דער ראָזעווער צוויט.

און מיידלעך מיט זוניקע בלאָנדענע צעפּ,
און ייִנגלעך מיט שווארצע געקרייזלטע קעפּ —
אַ קינדער־מלוכה, א גאָרטן וואָס בליט,
מיט פרישן געלעכטער, מיט טאנץ און מיט ליד.

אזויפיל ליד

.1

אזויפיל ליד אויף יעדן שפּאַן,
כאַטש נעם און קלייב מיט פולער האנט,
עס זינגט דער קאָרן אויפן לאַן,
דער ציגל — פון א פרישער וואנט.

עס זינגט די זון אויף יעדן דאך,
עס זינגט א ניי־בּרוקירטער וועג,
נישטאָ אַן ליד ביי אונדז קיין זאך
אין העלע זינגענדיקע טעג.

עס זינגט די אָדרע ביז די טיף,
און איבער איר א נייע בריק,
עס זינגט א ניי־געבּויטע שיף,
וואָס פירט די וויטן הין און צוריק.

.2

ס׳האָבן חורבות דאָ געוויינט,
און דעם צער ארויסגעקלאָגט,
אויף א בארג מיט ציגל־ברוך
האָט דער טאָג זיך אויסגעטאָגט.

ביז א וואונדער איז געשען —
א יחזקאל, ווי אמאָל,
האָט א שטיין צו שטיין באהעפט
אין דעם וויסטן ביינער־טאָל.

נישט מיט מדברדיקע טריט
ר׳איז געקומען פון דער וויט;
נישט אין חלום מיט קיין גאָט
גערעדט האָט ער נבואה־רייד. —

מיט א האמער אין דער האנט,
מיט א סערפ אויף תבואה־לאן,
זענען דערפער, גאנצע שטעט
ווי דורך כישוף אויפגעגאן.

און פארוועבט זיך אין א ליד
פון א רויביקער פאבריק,
און באהעפט זיך מיט מאשין
דורך איר ריטמישער מוזיק.

רעכט

מענטשן־רעכט — א פּאַראַגראַף, א זאַץ —
א לעבעדיקער, נישט קיין הוילער קלאַנג.
אליין איך בין דער שעפער פון געזעץ,
וואָס אַטעמט מיט מיין ווילן און געדאַנק.

מענטשן־רעכט, און נישט פאַר קיין אַרכיוו,
בירגער־רעכט, און נישט בלויז אויף פּאַפּיר.
ווערטער הייליקע און מענטשלעך טיף,
ווי טיף עס בלויט דער הימל איבער מיר.

ווערטער איינגעהאַרטעוועט אין שטאָל,
אין אויוון פון א הוטע אויסגעגליט,
גלייכע רעכט — מיין חלום פון אַמאָל,
שטראַלן אין די שורות פון מיין ליד.

מיין רו

װי לויטער בלויען איבער מיר
די הימלען אויסגעשפּרייט!
אַז װי איך גיב זיך נאָר אַ ריר,
די זון איז ביי מיין זייט.

די לופט װי גרינער זייד װיברירט,
און אַלץ אַרום עס גליט;
די שטילקייט קוים די ערד באַרירט,
מיט אַ אומזעבאַרע טריט.

דער ברייטער קוטשעראַװער בוים
אַ פלוידער טוט אַמאָל;
עס זילבערט זיך און ציטערט קוים
דאָס װאַסער אינעם טאָל.

סאַמעט גרינער גלעט מיין בליק,
די װייט הייבט אָן פאַרגיין;
איך אָטעם איין פון רו דאָס גליק,
אַ װייל איך דרימל איין...

איך װייס, אַז מיין פאַרדינטע רו
עס שיצט דאָס גאַנצע לאַנד,
און קיין שום פיינט פון ערגעץ-װוּ
נישט שטערן איז אימשטאַנד.

נאָר אויב צעראוישן איבער מיר
עס װעט זיך דער זעניט —
מיין שלאָף איז װאַך, ס'איז װאַך מיין בליק,
און װאַך איז מיין געמיט.

פאַר יעדן בלוטיקן שאַקאַל,
פאַר יעדער בייזער קראָ —
אויב נייטיק איז — מיט ביקס אין האַנט
באַשיצן כ'װעל מיין רו.

פעלד־ריחות אין מיין שטאָט

די זון איז היינט, פונקט ווי אַ שמעקנדיק ברויט,
פון הינטערן וואַלד אויפגעקומען,
מיין שטאָט האָט צעשפּילט זיך אין גרין און אין רויט
פון טויזנטער פאַנען און בלומען.

מיט פעלד־ריחות פול איז די לופט, אַזוי פריי,
דער הימל נאָך טיפער און בלויער.
סעפּטעמבער — מיין גאָרטן־שטאָט בליט ווי אין מאַי,
כ'איז יום־טוב פון פוילישן פויער.

אַ שטראָם פון טראַקטאָרן, קאָמביינען און פערד,
און קרענץ אויסגעפלאָכטן פון זאַנגען.
פון זיי שמעקט מיט זאַפטיק־צעאַקערטער ערד,
מיט טוי און מיט שניטער־געזאַנגען.

מיט פנימער מילדע, פאַרברוינט פון דער זון,
אין פאַרביק־געאַרעמטע מענגעס
עס שפּאַנען די פויערישע טעכטער און זין,
באַשטראַלט מיט קאָלירפולע סטענגעס.

דאָס ליד פון עם פעלד שלאָגט זיך אָפּ אין דער ווייט,
דערגרייכט ביז די ברעגעס פון באַלטיק —
אַ לויב אַלע מענטשן פון אַרבעט — דורך אייך
אַ לעבן פון זעט זיך געשטאַלטיקט.

עקשנותדיק האָט איר אויף יעטוועדן טריט
מיט ווילדקייט אין פעלד זיך פאַרמאָסטן,
ביז ס'האָט זיך אין פריידיקער שפּע צעבליט
די אַלט־נייע ערד פון די פּיאַסטן.

לידער מיינע

לידער מיינע, אויסגעבענקטע לידער,
די אויסגעקנאָטענע פון רויער ערד.
נישט פון די הויכקייטן, נאָר פון דער נידער
האָב איך דעם ניגון אייערן דערהערט.

און וויפל מאָל איך זאָל אייך נישט דערמאָנען,
און ווו איך זאָל נישט זיין — אויף יעדן אָרט,
דאָרט איז מיין ליבשאַפט און מיין פרייד פאַראַנען
אין יעדער שורה, און אין יעדן וואָרט.

מיט בליענדיקע דעמבעס ביי די וועגן
האָב איך אייך אין די פערזן אויסגעשטעלט,
פון שייערס זאַטע קומט איר מיר אַנטקעגן,
איר גייט מיר נאָך מיט ריחות פונעם פעלד.

לידער מיינע, אויסגעבענקטע לידער,
די אויסגעקנאָטענע פון רויער ערד,
נישט פון די הויכקייטן, נאָר פון דער נידער
האָב איך דעם ניגון אייערן דערהערט.

מאיאיקע פענער

אין וואָס פאַר א זייט נאָר דו קערסט דיינע בליקן:
אויף קוימענס, אויף מאסטן פון שיפן, אויף בריקן —
א יום-טוב פון פענער, וואָס פלאמען און גליען,
עס שיינט היינט די זון, ווי א בלום אין איר בליען.

מאיאיקע פענער פון גליק און פון פרידן,
זיי ווערן באגריסט היינט פון שפראכן פארשידן,
זוו נאָר אויף דעם ערדקויל א לאנד איז פאראנען,
דורך הערצער מיליאָנען די פארב ווערט פארשטאַנען.

אויך דאָרט, ווו זי ווערט נאָך פון קוילן צעלעכערט,
זי רייסט זיך פון פייער, און פלאַטערט נאָך העכער,
נישטאָ מער קיין ווייטן, קיין ימען, קיין טייכן,
די פאָן פונעם שלום אהין זאָל נישט גרייכן.

ניין! ס׳וועט שוין קיין שונא זי קיינמאָל נישט קאָנען
אין וואסער דערטרינקען, אין פייער פארברענען,
פארטונקלען איר פארב מיט זיין נאכטיישן שאָטן,
זי צוימען מיט קראטן און שטעכיקע דראָטן.

דורך גרויליקע נעכטנס איך האָב זי דערהויבן,
באפארבט מיט מיין בלוט און באפעסטיקט מיט גלויבן,
כדי אין מיין פענצטער, וואָס העלער און שענער
זאָל שיינען א פרייע מיין פאָן פון די פענער.

מיין דעפּוטאַט

איך זע דיך באַוועגן דעם טראַקטאָר אין פעלד,
דעם הייב־קראַן אין פּאָרט, אויפן באַלטיק די שיף,
דעם אויוון פון הוטע צעפייערסט און שמידסט
דאָס אייזן, דעם שטאָל, וואָס גייט אויף פון זיין טיף.

איך זע דיך אין פריידיקן שמייכל פון קינד,
אין ליכט, וואָס וויברירט אויף מיין אויפגעריכט לאַנד,
איך וויים, דו ביסט ווירדיק צו טראָגן די פאָן,
פון פרידן די הייליקע פאָן אין דיין האַנט.

איך קען דיך, מיין צוטרוי איך שענק דיר, מיין שטים.
ביסט מיינער א חבר, און מיין דעפּוטאַט,
איך וויים, אַז מיין וואָרט און דאָס וואָרט פונעם פאָלק
ביסט פעיק פאַרוואַנדלען אין גליקלעכער טאַט.

אינהאַלט:

	זייט
געפונענע טעג	5
העלע זון	7
כ'בין פאַרליבט אין דער וועלט	8
פרילינגדיקע פעלדער	9
די זעלבע בויער	10
דער מענטש בויט זיין היים	11
כ'האָב פאַרפלאַנצט אַ בוים	12
דאַכט זיך, די אייגענע יידישע שפּראַך	13
שטיל אַרום	14
האַרבסט	15
אַ וועג	16
הימל בלוי	17
אַ זאַנגען־קראַנץ	18
אויוון „ב“	19
דער נאָמען מענטש	20
געבענטשט איז דער פויער	21
צוהילף דעם פויער	22
פאַרמעסט מיט דער זון	23
דער פּיאַסטישער שלאָס	24
ביים ים	25
דער פוילישער ים	26
אַן אויספלוג אויף דער שיף „דיאַנאַ“	27
אַ נייע שיף	29
מיט אייער פּאַראָל	30
דעם אָנדענק פון די געטאָ־אויפשטענדלער	31
גרינער בוים	32
בלויאויגיקע מיין	33
דעם סאָוועטישן זעלנער באַלאַשאָוו	34
פריינדשאַפט־סימבאָל	35
דאָס מיידל פון קורסק	36

קיל יולדום 37
ברענענדיקע הימלען אין אזיע 39
ברודער קאָרעער 40
הואַן טסו גואַן 41
די פאָן פון פרידן 42
בויען קינדער אַ הויז 43
מיין סעדל 44
זאָג מיר, מאַמע 45
דער שילער סיאָמע ליגט אַ קראַנק 46
אַ קינדער־קאָלאָניע 47
דאָס קינדער־שטעטל פאָדגראָדזשע 48
אַזויפיל ליד 49
רעכט 51
מיין רו 52
פעלד־ריחות אין מיין שטאָט 53
לידער מיינע 54
מאַיאיקע פענער 55
מיין דעפוטאַט 56

Cena 4 zł